UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Yeshaye Shpigl, Dikhter Fun Umkum Un Bashtand/ Isaiah Spiegel, Poet of Demise and Disorder

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/557411jz

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)

Author
Dr. Jacob I. Maitlis, Dr. Yankef Y. Meytlis/

Publication Date
1981

Copyright Information
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library University of California

שרייבערס און ביכער

ד"ר יעקב י. מייטליס / לאָנדאָן

ישעיה שפיגל, דיכטער פון אומקום און באַשטאַנד

(צו זיין 75סטער יונגקייט)

צווישן די סאַמע פּראָמינענטע פּראָזאַיקערס פאַרנעמט ישעיה שפיגל מיט זיין מייסטערישער פּראָזע אַ ביז גאָר צעשיינטן אויבנאָן אין דער יידישער ליטעראַטור ביי היינטיקן טאָג. ער איז איינער פון די די ווייניקע יידישע שרייבערס וואָס איז יאָ געווען אין דעם גיהנום פון אושוויץ, איבערגעלעבט דעם אימהדידקן נסיון פון אומקום, און אַרויס אַ גאַנצער אין זיין צעווייטאָגטן אָבער קינסטלעריש געלייטערטן נפש. דאָס אויסנעמיקע און יחיד במינודיקע פון זיין קוואַליק־תוכיקער שאַפונג איז וואָס ער האָט אין זיינע קראַפטיקע שילדערונגען מיט אַ זעלטענעם ליטעראַרישן ציטער און קול־דממה־דקה'יק בילדעריש איינגעטיפט און פאַראייביקט די אימת־המוות איבערלעבענישן פון פאָלק, און געשאַפן אַ גרויסע קינסטלעריש־ליטעראַרישע יצירה פון אַ בלייביקן ווערט.

שפיגל, אַן אָפּגעזונקטער שייט פון דער מוראדיקער פאָלקס־שריפה, האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען און געווען אַ לעבעדיקער עדות פון די עינויים און גרויל וואָס זענען באַפאַלן זיין פאָלק, און דאָס אַלץ געמאָלן סענסיטיוו־דראַמאַטיש מיט אַ סך בילדעריש־פּאָעטישער יכולת. די סדרה פון זיין שוידערלעכן גאַנג הייבט זיך אָן אין דעם פאַרפייניקטן און פינצטערן לאָדזשער געטאָ פון וואַנען ער ווערט פאַרשיקט אין דעם אוישוויצער גיהנום מיט זיינע צעבאַלעוועטע נאַצישע מלאכי־חבלה, און צום סוף דורכגעמאַכט אַ געמאַטערטער און אַ צעניזוקטער דעם לאַנגן אויסטערלישן מאַרשרוט איבער די לאַגערן אויף דער דייטשישער ערד, ביז עס איז געקומען די מזלדיקע שעה פון באַפרייונג.

דעם לאַנגן, פינצטערן וועג איז שפיגל געגאַנגען אַ פאַר־יסורימטער און אַ פאַרקלעמטער, אָבער זיין אויפגעציטערטוואַכיק האַרץ און שאַרף אויג האָבן אַלץ אויפגענומען, פאַרטראַכט, פאַרזיכרונט און פאַרשריבן אַז עס זאָל בלייבן פאַר דורות. ער דערציילט און שילדערט איינגעהאַלטן און שפּאָרעוודיק, תוכיק נאַטוראַליסטיש מיט אַ שלל פון פאַרבן די אויסטערלישע אומרו און טראַגישע געשענישן, יעדן ציטער און ווײ־געשריי פון די דערשלאָגענע און אַנטמענטשטע קרבנות, וואָס דערמאָנט דעם היסטאָרישן „איכה" פון דעם גרויסן מקונן פון דער ווייטער יידישער אַמאָליקייט. הגם פאַרניגונט מיט דעם אייביקן יידישן איכה־ניגון, איז אָבער שפיגלס קינה אַרומגעזוימט מיט אַ שטילער ליכטיקייט פון שיינקייט און דערהויבענער קדושה, וואָס קבאַליקט אין זיין צעברויזט און געלייטערט האַרץ.

ישעיה שפיגל, דער באַהאַרצטער און סובטילער דיכטער, איז פון אַ זעלטענעם טייג געקנאָטן, סאַמע זעמלמעל. אין דעם ים פון יסורים און עינויים פאַרלירט ער נישט זיין קינסטלעריש מישקולת. ער בלייבט געטריי זיין צעשיינטער פען־שליחות. אין דעם אַרומיקן חשכות און פאַרלוירנקייט דערזעט ער פאַרבאָרגענע, היילקע פונקן וואָס ער צעוואַרעמט רחמימדיק אין זיין צעברויזט האַרץ צו אַ שטילן פלאַם פון דערהויבענער פנים־

יות. אַזוי ציט זיך אָט דער ליכטיקער פאָדעם אַדורך אַלע זיינע ווערק, אָנגע־הויבן מיט זיין „מלכות געטאָ", אַריבער צו די „שטערן לייכטן אין תהום" ביז צו דער מייסטערישער סאַגאַ „די קרוין" און ווייטער. שוין דער נאָמען „מלכות געטאָ" איז אַ טראַגישער סימבאָל פון פּחד און נויט, פון בהלה און פּיין, אַ וועלט פון רציחה און שגעון, וואָס האָט איר גלייכן נישט. עס איז אויך די שווערע און מורא־דיקע תהום־פינצטערקייט וואָס הויערט איבער שפּיגלס אַנדערע מיט קאָשמאַר און טראַגיזם אָנגעלאָדענע דערציילונגען, וואָס קוואַליקן אָבער מיט אַ שטילן שיין פון חסד און דערבאַרעמקייט, פון געטריי־שאַפט און ליבשאַפט פון איין ייד צום אַנדערן אין נויט. דער רוב פאַרהונגער־טע, צעביילטע, אויסגעלאַשענע מענטשן, אָפט נעבעכטיקע, האַלב־מטורפדיקע גע־שטאַלטן, עולם־התוהודיקע שאָטנס אין אַ חרובער וועלט, אָבער מיט קדושה באַ־קרוינטע, הימלדיקע יידן.

דער אין זיך אַריינגעטאָנענער גרויסער דערציילער־מקובן ווייסט דעם סוד פון פּורעניות און אויפקום, פון חורבן און אויפריכטעניש. ער זעט אין דעם אימה־דיקן אומקום אַ קאָנפראָנטאַציע פון צע־יושעטן ביז מיט דעם אייביקן גוטס, כוחות פון טומאה און קדושה וואָס ראַנג־לען זיך כסדר אין דעם וועלטישן אַרום. איז ער דערפאַר מצרף צו דעם האַרבן מידת הדין אַביסל מידת הרחמים, וואָס העלפט גובר זיין דאָס אימאַנענטע שלעכטס אין מענטשלעכן לעבן. ליידן, האָבן מיר אַן אַלטן כלל, פאַראיידלען דאָס צעפּייניקטע נפש, לייטערן און דערהייבן. האָט שוין ניט אַמאָל דער ראַדיקאַלער דענקער און איקאָנאָקלאַסט, פרידריך ניטשע, געזאָגט, אַז באַר אין אַ גייסטיקן מן־המיצר אין אַ טיפער אומרו און טראַגישער געשפּאַנט־קייט ווערן געבוירן און וואַקסן גרויסע, תוכיק־תמציתדיקע קולטור־ווערטיקייטן. דער גייסטיק־זוכערישער מענטש מוז אַדורכגיין די שבעה מדורי גיהנום כדי צו דערגריין צו אַ מדרגה פון אַן עכט־איבערלעבטער און שלימותיקער שאַפע־רישקייט. דאָס איז דער וועג פון דעם באַהויכטן און דערהויבענעם קינסטלער ישעיה שפּיגל אין אַלע זיינע פּילצאָליקע, תוכיק־אויסנעמיקע ווערק.

פאַר שפּיגלען איז דיכטונג אַ קאַטאַר־סיס אינעם סטיל פון דער אַלט־גריכישער טראַגעדיע, וואָס לייטערט און באַפרייט דעם קינסטלער פון אַלע מיאוסקייטן און פּסולתן אין לעבן. אויף אַזאַ אופן איז ער בכוח איבערצוקומען אין זיין קוואַליקער און ליכטיקער יצירה, אַלדאָס ביז אַרויס פון דעם גורלדיקן פאַרגיי מיט אַ שטילער בשורה אויף זיינע ליפּן פון יידישלעכער נצחיות, אַרומגעזוימט פון אַ זעלטענער ליכטיקייט פון יידישע מידות און מעשים טובים.

אויף דעם פּנימיותדיק־צעשיינטן דיכ־טער, ישעיה שפּיגל, פּאַסט זיך אַקוראַט דער פלאַדיקער זאָג „שטירב אונד ווער־דע" פון דעם גאונישן געטהע אין איינער פון זיינע סימבאָלישע פּאָעמעס (וועסט־עסטליכער דיוואַן): עס הייסט פּשוט, שטאַרב און ווער ניי־געבוירן. אין גע־טהעס דיכטעריש־איינגעטיפטן מיין הייסט דאָס, אַז דער מוזישער מענטש „אַ טריבער גאַסט אויף דער טונקעלער ערד" מוז צוערשט פּסיכיש־אינדיווידועל אָפּ־שטאַרבן, כדי פון דאָס ניי מהותדיק און גייסטיק ווידער אויפצולעבן. ער מוז זיין ביכולת זיך צו באַפרייען פון די טריבע מחשבות, מאַטערנישן און יסורים וואָס רינגלען אים אַרום, כדי זיך צו דערהייבן צו אַ הויכער און שעפערישער מדרגה פון שלימות.

דאָס האָט שפּיגל אין זיין ליכטיקער יצירה באַוויזן צו טאָן. אין זיין מייסטער־ריש־לירישער פּראָזע שטייט ער אויף אַ ביז גאָר הויכן, קינסטלעריש־איינגעטיפטן שטאַפּל, אויב נישט נאָך העכער. ווי האָבן דאָס אַמאָל חז"ל געזאָגט, אויב מען מעג זיי פּאַראַפראַזירן: „אשרי מי שבא לכאן ויצירתו בידו". הלוואי לאורך ימים טובים פאַר אונדזער שיינעם בעל־יובל און זיין אייגנדיק קוואַליקער יצירה!

לאָנדאָן, אדר א׳, תשמ"א.